כח אז ס׳זאל זיין אמר מלכא - מאן מלכא רבנן - עקר טורא, דעם יצר הרע שנדמה להם כהר, מ׳זאל ניט נתפעל ווערן פאר דעם יצר הרע.

ביז מען גייט אריבער צו "וארא אל אברהם יצחק ויעקב", אבער צו זיי איז "שמי הוי׳ לא נודעתי להם", ניט נאר דער הוי׳ שקודם הפסיק טעמא, נאר אויך דעם הוי׳ שלאחר הפסיק טעמא, משא"כ איצטער איז דא דער "שמי הוי׳", סיי דעם העכערן ועאכו"כ דעם נידעריקן; די גאולה מיט די ד׳ לשונות של גאולה והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי, ביז - והבאתי.

און עס קומט אראפ בטוב הנראה והנגלה, אין לימוד התורה, וואס אין טוב אלא תורה שנאמר כי לקח טוב נתתי לכם (אבות פ"ו מ"ג), און ע"י לימוד התורה בהרחבה ווערט אויך דער טוב כפשוטו, אין בני חיי ומזוני רויחא, וואס אט די הרחבה ווערט א הכנה אויף דעם מרחב האמיתי, אז ע"י מן המיצר קומט מען צו ענני במרחב, וואס דאס וועט זיין בביאת משיח צדקנו, און אין אן אופן פון בשמחה ובטוב לבב!!

ג. מאמר כעין שיחה עה"פ הבאים ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל וגו׳.

ד. ס׳איז דאך נהוג אז מ׳לערנט אויך א פירוש רש"י, ובפרט ווי ער זאגט אין שו"ע (אדה"ז סי׳ רפ"ה ס"ב) אז פירוש רש"י איז דומה צו תרגום בנוגע שנים מקרא ואחד תרגום, ווייל אין רש"י איז פאראן פשוטו של מקרא. אעפ"י אז אין רש"י איז אויך פאראן יינה של תורה (היום יום ע׳ ב"ד), און ווי דער של"ה (במס׳ שבועות שלו קפא,א) זאגט אז אין פירוש רש"י זיינען פאראן ענינים מופלאים, און ווי דער לשון פון די רביים, אז אין פירוש רש"י איז פאראן יינה של תורה, וואס דאס גייט אויף רזין דאורייתא, איז אבער בעיקר - ווי רש"י אליין זאגט - "אני לא באתי לפרש אלא פשוטו של מקרא", וכמובן אויך פון דעם וואס רש"י האט געשריבן זיין פירוש פאר א בן חמש למקרא, וואס ער האלט נאך פאר בן עשר למשנה און חמש עשרה לגמרא, איז מובן אז זיין פירוש איז ע"ד הפשט, און בלויז נאך דעם וואס מ׳ווייס דעם פשט קען מען אויך ארויסנעמען פון רש"י ענינים מופלאים און יינה של תורה.

אין פרשת שמות דערציילט זיך ווי אידן זיינען נאך אין גלות מצרים, וואס דאס איז בהמשך צו וואס מ׳האט גערעדט פריער (בהמאמר), אז דוקא ע"י וואס ס׳איז געווען הבאים ישרש יעקב, וואס דאס גייט אויף הבאים מצרימה, אז מ׳איז געקומען אין מצרים, האט געקענט זיין דער ענין פון יציץ ופרח ישראל, ביז מ׳קומט צו דער גאולה, וואס דער ענין פון גאולה איז דאך אז ס׳איז דא דער בית המקדש און מלכות בית דוד, וואס אזוי וועט אויך זיין אין דער גאולה העתידה, ווי דער רמב"ם (פי"א מהל׳ מלכים ה"ד) שרייבט: "יעמוד מלך מבית דוד כו׳ יבנה מקדש וכו׳ ה"ז משיח בודאי", וואס דאס זיינען די צוויי ענינים פון ביהמ"ק

הנחת הת׳ בלתי מוגה

פון בית המקדש, וואס אויף דעם שטייט "בנה בניתי בית זבול לך", וואס דאס איז דער ענין פון כהונה ולוי', און אויך דער ענין פון מלכות, "ודוד עבדי נשיא עליהם לעולם".

איז אויך אין פירוש רש"י פאראן די צוויי ענינים. וואס רש"י (א,כא) שטעלט זיך אויף "ויעש להם בתים" און איז מפרש אז דאס מיינט "בתי כהונה ולוי' ומלכות [און וואס פאר א שייכות האט דאס צו בתים, איז רש"י ממשיך:] שקרויים בתים [און רש"י ברייננגט אויף דעם א ראי' פון א פסוק] כמה שנאמר [וואס אזוי שטייט אין די עיקרית'דיקע דפוסים פון רש"י; וואס עס זיינען דא דפוסים וואס מ'האט ארויסגענומען די צוויי ווערטער (איך ווייס ניט פארוואס)] ויבן את בית ה' ואת בית המלך [און דאס איז טאקע מקויים געווארן], כהונה ולוי' מיוכבד ומלכות ממרים כדאיתא במס' סוטה (יא,ב)".

אין פשטות איז די רש"י א פשוט'ע, בשעת אבער מ'איז זיך נאר אביסל מתבונן אין רש"י, און אפילו אויב א בן חמש למקרא וועט זיך מתבונן זיין (וואס ער וויל לערנען און וויל הערן וואס מ'רעדט, און ער לערנט בתמימות), איז די רש"י מלא קושיות כדמון; עאכו"כ בשעת מ'פארגלייכט דאס מיט פירוש רש"י אין סוטה, ועאכו"כ בשעת מ'פארגלייכט דאס מיט פירוש רש"י אין אנדערע ערטער:

א) לכאורה איז "לוי'" אן ענין וואס איז ניט תלוי אין דעם זכות פון יוכבד; גאנץ שבט לוי זיינען געווען לויים, איז וואס איז דאס פארבונדן מיט "ויעש להם בתים"?

בנוגע "כהונה" קען מען דוחק זיין, אז דאס איז געווען תלוי בזכותה, ווארום עס האט געקענט זיין אז כהונה זאל ארויסקומען פון אן אנדערן פון די בני לוי, אדער בני קהת, און ע"י דעם זכות פון "ותחיין את הילדים" האט זי זוכה געווען אז דאס זאל קומען פון איר,

אבער דער ענין פון לוי' איז לכאורה ניט תלוי אין איר; מיט וועמען עמרם וואלט ניט חתונה האבן, וואלטן זיינע קינדער געווען לויים, איז וואס איז דאס פארבונדן מיט דעם זכות פון די מילדות העבריות?

ב) די ראי' וואס רש"י ברענגט פון דעם פסוק "ויבן את בית ה' ואת בית המלך", איז לכאורה א ראי' לסתור; רש"י וויל דאך ברענגען א ראי' אז דאס וואס ס'שטייט "בתים" מיינט ניט דוקא א בנין כפשוטו, א הויז, נאר דאס מיינט דעם ענין פון כהונה ולוי' ומלכות, איז ווי ברענגט רש"י אויף דעם א ראי' פון דעם פסוק "ויבן את בית ה'", וואס דאס גייט אויפן בית המקדש, וואס דאס איז געווען א הויז כפשוטו, און "ואת בית המלך", וואס דאס מיינט א פאלאץ וואו דער מלך איז, וואס דאס איז דאך א הויז;

איז דאך א ראי' פון דעם פסוק אז "בית" מיינט כפשוטו א הויז, און רש"י וויל דאך ברענגען א ראי' אז דאס מיינט ניט קיין הויז כפשוטו, איז דאך דאס א ראי' לסתור?

ג)

ג) פאַרוואָס זאָגט רש"י "כדאיתא במסכת סוטה"; רש"י ברענגט בכלל ניט קיין מקורות אויף זיין פירוש, נאָר ווען ער קומט עפּעס שולל זיין, מוז מען זאָגן אַז אויך בנדו"ד איז רש"י עפּעס שולל, זאָגנדיק אַז איך מיין ניט קיין אַנדער אָרט, נאָר איך מיין מסכת סוטה. וואָס אָט די דרשה איז טאַקע פאַראַן אין אַנדערע ערטער, אין ספרי אין בהעלותך און אין מדרש רבה במקומו; דאַרף מען פאַרשטיין פאַרוואָס איז רש"י שולל פון די אַנדערע ערטער און ברענגט דוקא פון סוטה?

ואדרבא: אין סוטה איז פאַראַן אַ פּלוגתא אין דערויף צווישן רב ושמואל (אָדער ווי אַ צווייטע גירסא: רב ולוי), "חד אמר בתי כהונה ולוי׳ וחד אמר בתי מלכות". איז דאָך דאָס אַן ענין וואָס איז תלוי בפלוגתא, און אויך אין מדרש רבה במקומו איז פאַראַן אַ פּלוגתא, משא"כ דער ספרי אין בהעלותך ברענגט ביידע ענינים, סיי כהונה און סיי מלכות, האָט דאָך רש"י, וואָס ער ברענגט אַראָפּ ביידע ענינים, געדאַרפט ניט ברענגען פון סוטה, וואָס דאָרט איז אַ פּלוגתא, נאָר פון ספרי?

ובפרט אַז דער פּסוק וואָס רש"י ברענגט אַראָפּ שטייט אין ספרי, און דאָס שטייט ניט אין סוטה און ניט אין מדרש, האָט דאָך רש"י זיכער געדאַרפט ברענגען פון ספרי?

ד) בכלל ברענגט רש"י אַראָפּ פון פּסוק נאָר די ווערטער וועלכע ער איז מפרש, און דאָ איז רש"י מעתיק די ווערטער "ויעש להם בתים", וואָס אויף די ווערטער "ויעש להם" איז רש"י גאָרניט מפרש, האָט ער בעדאַרפט אַראָפּברענגען נאָר דעם וואָרט "בתים" און מפרש זיין אַז דאָס מיינט "בתי כהונה ולוי׳ ומלכות"; פאַרוואָס איז ער אויך מעתיק די ווערטער "ויעש להם"?

דערנאָך זיינען פאַראַן אין דעם צוויי קלאָרע קשיות:

ה) די ערשטע קלאָרע קשיא איז: ס׳איז ניטאָ אַזאַ פּסוק "ויבן את בית ה׳ ואת בית המלך"! וואָס אויף דעם דאַרף מען ניט זיין קיין בקי אין תנ"ך, נאָר אַז מ׳גיט אַ קוק אין קונ-קורדנצי׳, זעט מען אַז ס׳איז ניטאָ אַזאַ פּסוק;

אין פּסוק שטייט "אשר בנה שלמה את שני הבתים את בית ה׳ ואת בית המלך", און ניט "ויבן"; זיינען דאָ אַנדערע וואָס מאַכן טאַקע אַ גרייז, אַז דאָ דאַרף שטיין ניט "ויבן" נאָר "בנה", אָבער: (א) ווי קומט אַזאַ גרייז אַז פון "בנה" זאָל ווערן "ויבן"? (ב) צווישן "בנה" און "את בית ה׳ ואת בית המלך" זיינען פאַראַן נאָך ווערטער, האָט דאָך רש"י געדאַרפט זאָגן "בנה <u>גו׳</u> את בית ה׳ ואת בית המלך"?

ו) די צווייטע קלאָרע קשיא איז: רש"י זאָגט אַז יוכבד, מצד זכותה, האָט זוכה געווען צו "כהונה", ולכאורה איז אהרן שוין געבאָרן געוואָרן פריער, איז ווי קען מען זאָגן אַז ע"י ותחיין את הילדים האָט זי זוכה געווען צו כהונה?

פון וואַנעט איז די ראי׳ אַז אהרן איז שוין געבאָרן געוואָרן - איז דאָס פאַרשטאַנדיק פון דעם וואָס רש"י זאָגט פריער אויף

אויף "פועה" (פסוק טו) אז "זו מרים ע"ש שפועה ומדברת והוגה לולד כדרך הנשים המפייסות תינוק הבוכה" - און מרים איז דאך געווען מיט פינף יאר עלטער פאר משה'ן, און צוויי יאר עלטער פאר אהרן'ען, איז אויב מ'וועט זאגן אז אהרן איז נאך ניט געבארן געווארן, קומט דאך אויס אז בשעת מרים האט געטאן די ארבעט מיט די קינדער, איז זי געווען נאר צוויי יאר אלט, און עס לייגט זיך ניט אזוי צו זאגן.

אעפ"י אז מ'קען דאך זאגן אז זי איז געווען בלויז אן עוזרת לאמה, און זי האט ניט בעהאט קיין שווערע ארבעט, און ווי רש"י זאגט פריער אז נאר "פועה ומדברת והוגה לולד", האט זי דאס געטאן ווען זי איז געווען נאר צוויי יאר אלט, איז אבער וואס עלטער זי איז געווען, איז דאס מער פארשטאנדיק.

אפילו אז מ'זאל זאגן אז די דורות הראשונים זיינען געווען אנדערש ווי איצטער, און מ'איז שוין געווען גרעסער אפילו בשעת מ'איז געווען נאך יונג, וואס אזוי איז דאך מוכרח סיידוי צו זאגן, ווי מ'זעט דאס בנוגע רבקה'ן,

וואס בשעת די מעשה מיט אליעזר'ן, האט רבקה ניט געקענט זיין עלטער פון דריי יאר, ווי רש"י מאכט דעם חשבון אז ווען יצחק איז געווען ל"ז שנה איז רבקה געבארן געווארן, איז בשעת אליעזר איז געקומען צו רבקה'ן האט זי ניט געקענט זיין מער ווי דריי יאר, ווארום (תולדות כה,ה) "ויהי יצחק בן ארבעים שנה בקחתו את רבקה" - און אעפ"כ האט זי געקענט אנשעפן וואסער פאר אליעזר און ליפן אהין און צוריק און אנפילען די עשרה גמלים מגמלי אדוניו, און זי איז ארויסגע-גאנגען לעת צאת השואבות, וואס פון דעם אלעם זעט מען אז אין די דורות הראשונים איז געווען אנדערש, ווארום שוין צו דריי יאר איז     געווען אויף איר די אחריות פון שעפן וואסער, מיט די אלע ענינים.

[ וואס דערוויילע ווערט פארענטפערט די שאלה וואס מ'האט געפרעגט; אז בשעת מ'האט גערעדט (בש"פ חיי שרה) וועגן דעם שידוך פון יצחק ורבקה, האט מען געזאגט אז יצחק איז געווען אלט ל"ז שנה; האט מען מיר געפרעגט אז אין פסוק שטייט בפירוש "ויהי יצחק בן <u>ארבעים</u> שנה בקחתו את רבקה", איז ווי האט מען געזאגט בן <u>ל"ז</u> שנה?

אבער פון רש"י'ס לשון אין אנהויב תולדות, אז יצחק "המתין לה עד שתהא ראוי' לביאה ג' שנים ונשאה", איז משמע אז נאך דעם וואס יצחק האט געוואוסט אז דארף התונה האבן מיט איר, האט ער געווארט דריי יאר, און יצחק האט דאך גע-וואוסט אז ער דארף חתונה האבן מיט רבקה'ן נאך דעם וואס אליעזר איז שוין געגאנגען צו רבקה'ן, איז דאך דערפון מובן אז בשעת אליעזר איז געגאנגען זוכן רבקה'ן איז דאס געווען סמוך ללידתה, ובמילא איז יצחק געווען נאר בן ל"ז שנה].

דעט מען דאך אז בדורות הראשונים איז געווען אנדערש, קען מען דאך זאגן אז מרים איז טאקע געווען בלויז צוויי יאר אלט

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

אלט, איז דאך לכאורה ניט ריין ראי' אז אהרן איז שוין גע־בארן געווארן.

אבער באמת איז דא נאך א ראי' אז אהרן איז שוין דעמאלט געבארן געווארן, ווארום רש"י (ב,א) זאגט אויף "ויקח את בת לוי", אז "פרוש הי' ממנה וכו' והחזירה ועשה בה לקוחין שניים", און דעם טעם אויף דעם זאגט רש"י, אז וויבאלד "פרוש הי' ממנה מפני גזירת פרעה – חזר ולקחה" מצד "עצת בתו שאמרה לו גזרתך קשה משל פרעה", וואס אזוי שטייט אין רש"י ישן, און אפילו מ'וועט ניט זאגן ווי עס שטייט אין די חצאי עיגול, איז אבער מובן אז עמרם אליין האט זיך אויך געכאפט אויף דער סברא, איז מובן בפשטות אז מסתמא האט ער גלייך צוריקגענומען יוכבד,

[וואס דעמאלט איז יוכבד געווען בת ק"ל שנה, ווארום מאהים ועשר שנים זיינען זיי געווען אין מצרים און זי איז נולדה בין החומות, ווי רש"י מאכן דעם חשבון],

און גלייך נאך דעם וואס עמרם האט צוריקגענומען יוכבד'ן איז גלייך נתעברה מיט משה'ן, ווי רש"י (שם, ב) זאגט אויפן פסוק ותצפנהו שלשה ירחים ולא יכלה עוד הצפינו: "שמנו לה המצריים מיום שהחזירה והיא ילדתו לששה חדשים ויום א' כו' למקוטעין והם בדקו אחרי' לסוף ט'". איז דאך דערפון מובן אז גלייך איז זי נתעבר געווארן מיט משה'ן, מוז מען דאך זאגן אז בשעת הסיפור מיט די מילדות העבריות איז אהרן שוין געבארן געווארן?

. איז לפי"ז ניט פארשטאנדיק וואס רש"י זאגט אז איר שכר אויף ותחיין את הילדים, איז געווען בתי כהונה, בשעת אהרן איז שוין געבארן געווארן?

און די אלע ענינים דארפן זיין מוכרח עפ"י פשטות הכתובים, און רש"י פארלאזט זיך ניט אויף דעם שפתי חכמים און דעם רא"ם, אז זיי זאלן מפרש זיין וואס ער זאגט, נאר אויב דאס איז ניט פארשטאנדיק צו דעם בן חמש למקרא, איז רש"י אליין מבאר דאס ביז ער וועט דאס פארשטיין; מוזן אט־די אלע ענינים זיין מוכרח עפ"י פשטות הכתובים. וכפי שית' לקמן.

ה. אין רש"י איז פאראן א דריטע קלאץ קשיא, וואס זי איז די גרעססטע קשיא, ועולה על כולנה:

ז) בשעת מ'זאגט דעם בן חמש למקרא אז דער שכר וואס יוכבד האט באקומען פאר ותחיין את הילדים, איז געווען אז זי האט געהאט בתי כהונה ולוי' ומלכות, זאגט דער בן חמש למקרא אז דאס הויבט זיך ניט אן – זי האט געהאט א סך א גרעסערן שכר, וואס איר קינד האט געגעבן תורה צו די אידן, [וואס דאס ווייס אפילו יעדער בן חמש למקרא אז משה האט געגעבן די תורה צו אידן], און דאס איז א סך גרעסער ווי דאס וואס זי האט געהאט בתי כהונה ולוי', ווארום דאס וואס משה איז געווען א לוי איז ער דאך געווען פונקט ווי אלע לויים, און ניט אין דעם איז באשטאנען די מעלה פון משה'ן,

מעלתו

מעלתו איז וואס ער האט געגעבן אידן די תורה; ער האט געגעבן אידן אידישקייט; האט דאך רש"י געדארפט זאגן אז דאס מיינט "בתים"? און אויך איז די מעלה וואס משה האט געהאט, אז ער האט ארויסגענומען אידן פון מצרים?

ואדרבה: מ'קען דאך לערנען אז דער פירוש הפסוק פון "וייטב אלקים למילדות ויעש להם בתים" מיינט תורה, ווארום תורה ווערט דאך אנגערופן "טוב", אין טוב אלא תורה (אבות פ"ו מ"ג), און ווי די גמרא זאגט אין קידושין (מ,א) טוב לשמים ולבריות; האט מען בעסער געדארפט לערנען אז דאס מיינט תורה.

אפילו אז מ'זאל זאגן אז רש"י האט ניט געפונען קיין פסוק אז תורה קען מען אנרופן "בית", ווערט אבער די קשיא אויף אונזער פסוק גופא, פארוואס זאגט דער פסוק ניט אז דאס מיינט תורה?

וואס דער אמת איז אז ס'איז פאראן א פסוק אז תורה קען מען אנרופן בית, ווי מ'זאגט (פסחים פז,א) אני חומה זו תורה, ווי דאס שטייט אין כמה מאמרי רז"ל, אבער דאס איז ניט נוגע אהער, ווארום אפילו אז ס'איז ניטא קיין פסוק, גייט טאקע די קשיא אראפ פון רש"י'ן, דאס גייט אבער אויפן פסוק: פארוואס זאגט ניט דער פסוק אז דאס מיינט תורה?

ח) פארוואס ברענגט רש"י א ראי' פון דעם פסוק "ויבן את בית ה' ואת בית המלך", וואס דאס מיינט א בית כפשוטו, ווי מ'האט פריער געפרעגט, לכאורה איז דא ראיות פון פסוקים אז בית מיינט כהונה ולוי' ומלכות, און ניט קיין בית כפשוטו. ווי עס שטייט בפירוש אין מדרש תהילים אויפן פסוק בית אהרן ברכו את ה' בית הלוי ברכו את ה', אז דאס מיינט דעם ענין פון כהונה ולוי', און דאס איז וואס עס שטייט ביי די מילדות ויעש להם בתים, אז מ'האט זיי געגעבן "בתי כהונה ולוי'", האט דאך רש"י געדארפט ברענגען דעם פסוק אז כהונה ולוי' ווערן אנגע- רופן בית?

און אויך ביי מלכות איז דא א פסוק, ווי עס שטייט (ש"ב ז,טז) אז נתן הנביא האט געזאגט דוד'ן "ונאמן ביתך וממלכתך", און ער איז גלייך מפרש אז דאס מיינט "כסאך יהי' נכון עד עולם"; און אויך אביגיל (וואס איז געווען א נביאה) האט געזאגט "יעשה ה' לאדני בית נאמן", איז דאך א ראי' אז בית מיינט מלכות, האט דאך רש"י געדארפט ברענגען פון דארטן, ואדרבה: דארטן שטייט "יעשה", אזוי ווי עס שטייט דא "ויעש", האט רש"י געדארפט בעסער ברענגען די ראי' פון דארט?

אעפ"י אז דער ספרי ברענגט דעם זעלבן פסוק ווי רש"י, איז אבער כאמור כמה פעמים, אז רש"י איז ניט געבונדן מיטן ספרי, און ער ברענגט נאר די ענינים וועלכע זיינען מוכרח אין פשטות הכתובים, האט ער דאך געקענט ברענגען די אנדערע פסוקים?

מ'איז דאך רגיל אז מ'לערנט אויך אן ענין אין אגה"ת, ובפרט אין דעם שבת נאך כ"ד טבת; איז אויך אין אגרת התשובה אין פ"ח פאראן א דבר פלא (כאן הקשה הקושיות - נעתקו לקמן שיחה ו').

בנוגע

בנוגע פירוש רש"י: רש"י׳ן ארט דא אין פסוק: עס שטייט אז וויבאלד ותחיין את הילדים, דערפאר ויעש להם בתים, ולכאורה,בפשטוה, וואס איז דער חידוש בזה; צי דען האבן זיי געלעבט על פני השדה,אז זיי האבן ניט געהאט קיין בתים? ובפרט ווי אידן זיינען געווען אין ארץ גושן, וואס אויף דעם שטייט (ס"פ ויגש) ויאחזו בה, האבן זיי שוין געהאט הייזער;

ובפרט שבט לוי, וואס אויף זיי איז ניט חל געווען דער שעבוד; ובפרט אז דאס רעדט זיך וועגן איש מבית לוי און בת לוי, די העכסטע און די חשוב׳סטע פון שבט לוי, האבן זיי זיכער געהאט בתים פון פריער, איז וואס איז דער אויפטו אז ויעש להם בתים, און וואס פאר א שכר איז דאס?

אויף דעם איז רש"י מפרש, אז דא מיינט מען ניט בתים ממש, הייזער, נאר דאס מיינט כהונה ולוי׳ ומלכות, און רש"י ברענגט אויף דעם א ראי׳ פון א פסוק.

עס איז אבער ניט דער פירוש אז רש"י ברענגט א ראי׳ אז בית מיינט ניט בית כפשוטו, ווארום רש"י דארף ניט האבן קיין ראי׳ אויף דעם; מ׳האט שוין געלערנט פריער אין התחלת פ׳ שמות אליין "איש וביתו באו", וואס דאס מיינט ניט אז מ׳האט מיטגעבראכט די הייזער; נאר דאס מיינט זייער הויזגעזינד; און אזוי אויך פריער אין פרשת ויגש (מה,ב) וואו עס שטייט ביתה פרעה, טייטשט רש"י אז דאס מיינט "עבדיו ובני ביתו"; במילא דארף אויף דעם רש"י ניט ברענגען קיין ראי׳.

אויף וואס ברענגט רש"י יא א ראי׳? – אז בתים מיינט די דריי ענינים פון כהונה לוי׳ ומלכות, אז מ׳געפינט בפירוש אז דער לשון בית מיינט כהונה לוי׳ ומלכות, און ער ברענגט ניט ווי עס שטייט דא "ויבן את בית ה׳ ואת בית המלך" – דאס איז א גרייז, ווארום כנ"ל איז ניטא אזא פסוק, און אויך איז עס א ראי׳ לסתור – נאר: אין פסוק דארטן שטייט "אשר בנה שלמה את שני הבתים את בית ה׳ ואת בית המלך", שטייט דאך דער לשון "הבתים" פאר "את בית ה׳ ואת בית המלך", ברענגט רש"י פון דעם א ראי׳ אז דער וו<u>ואר</u>ט "בתים" ווערט באנוצט אין פסוק אין צוזאמענהאנג מיט כהונה ולוי׳ ומלכות; און אין רש"י דארף טאקע שטייט "הבתים (אנשטאט "ויבן") את בית ה׳ ואת בית המלך".

פון וואנעט קומט אבער אזא גרייז? – אין רש"י איז געשטאנען "בתי כהונה ולוי׳ ומלכות שקרויין בתים", און דערנאך האט רש"י געבראכט דעם פסוק "הבתים את בית ה׳ ואת בית המלך". האט דער מעתיק געזען אז אין רש"י (גלייך אין די ערשטע כת"י) שטייט א צווייטן מאל "הבתים", האט ער געמיינט אז ס׳איז א גרייז,

און ער האט געמיינט [וואס די מעתיקים מיינען אז זיי זיינען די גרעסטע חכמים], אז עס מיינט "ויבן" – ווארום עס איז געשטאנען א ה"א מיט א בי"ת און דערנאך א שטרייכל (הב׳), און אמאל פלעגט מען שרייבן א וא"ו מיט א קעפל, איז בשעת מ׳האט געשריבן

געשריבן א ה"א שנעל, האט דאס אויסגעקוקט ווי א וא"ו מיט א
ברייטע קעפל, און דער אנדער קו איז א י׳, און ווי דאס איז אין
כמה אלטע כת"י, אז די אותיות קוקן אויס ווי אנדערע אותיות,
האט דער ה"א אויסגעקוקט ווי א ו׳ י׳, און דערנאך איז געווען
א ב׳, און דערנאך איז געווען א שטרייכל, האט דער מעתיק
פארשטאנען אז דער ווארט איז "ויבן" (ווארום אמאל פלעגט מען
שרייבן שנעל צוליב טרחא אדער צוליב זמן, האט מען ניט אויס-
געלאזט דעם ווארט, נאר מ׳האט געשריבן מיט א שטרייכל).

עפי"ז איז אויך מובן פארוואס רש"י ברענגט ניט פון
דעם פסוק בית אהרן ברכו את ה׳ בית הלוי ברכו את ה׳, און
אויך ניט דעם פסוק יעשה ה׳ גו׳ בית נאמן, ווארום ער וויל
ברענגען א ראי׳ אז דער ווארט בתים מיינט כהונה ולוי׳ ומלכות,
ברענגט ער א פסוק וואו עס שטייט אויך הבתים, און עס איז ע"ד
ווי א גז"ש בתים-בתים, אז דער ווארט בתים וואס שטייט דא אין
פסוק, איז דער פירוש ווי דער ווארט בתים אין דעם פסוק הבתים
את בית ה׳ ואת בית המלך, וואס דערפאר ברענגט ער ניט די אנדערע
פסוקים, ווארום דארט שטייט ניט בתים נאר בית, משא"כ אין דעם
פסוק וואס רש"י ברענגט.

ואעפ"י אז דארט מיינט דאס בית כפשוטו, איז דאס אבער
ניט נוגע לפירוש רש"י, ווארום דאס ווייס רש"י אז בית מיינט
ניט כפשוטו אין דעם פסוק, רש"י ברענגט נאר א ראי׳ אז "הבתים"
מיינט כהונה ולוי׳ ומלכות, ובמילא אעפ"י אז דארטן מיינט דאס
א בית כפשוטו און דא מיינט דאס ניט קיין בית כפשוטו, איז
אבער אעפ"כ א ראי׳ אז בתים שטייט בנוגע כהונה ולוי׳ ומלכות.

דאס וואס רש"י זאגט "כהונה", אעפ"י אז אהרן איז
שוין געבארן געווארן, איז דאס ווייל דא מיינט רש"י ניט אהרן,
נאר דא רעדט מען וועגן משה׳ן; ווי רש"י זאגט שפעטער (ד, יד)
אז משה האט געדארפט זיין א כהן, און בלויז דורך דעם "ויחר
אף ה׳" האט מען דאס אוועקגענומען פון משה׳ן און מ׳האט דאס
געגעבן אהרן׳ען,

במילא מובן אז בשעת ס׳איז געווען ותחיין את הילדים
האט משה געדארפט ווערן א כהן - מיינט דעריבער רש"י משה׳ן
מיטן ווארט "כהונה". (אעפ"י אז דער קינד וועט שפעטער לערנען
אז אהרן איז געווען דער כהן, וועט ער אבער בינתיים לערנען
אז פריער האט משה געדארפט ווערן א כהן).

און דאס (אז זי האט אויך געהאט כהונה) איז דער עיקר
נייעס, משא"כ לוי׳ האט זי געהאט פריער אויך; אבער אעפ"כ
זאגט רש"י "לוי׳" אויך, ווארום עס וואלט געקענט זיין א סברא
אז לאחר וואס מ׳האט צוגענומען כהונה פון משה׳ן, זאל זי האבן
בלויז כהונה, ווארום עס קען דאך זיין אז מ׳האט אפגעגעבן די
כהונה צו אהרן, און משה איז געבליבן מיט גארניט? אויף דעם
זאגט רש"י אז מצד זכותה האט זי אעפ"כ אויך געהאט לוי׳ (איננו
ברור).

עפי"ז



הנחת הת׳ בלתי מוגה

עפי"ז איז אויך פארשטאנדיק דער סדר אין פירוש דש"י, וואס ער זאגט פריער כהונה און דערנאך לוי', דלכאורה איז לוי' געקומען פריער, נאר וויבאלד דער עיקר חידוש איז אז זי האט געהאט כהונה (משה), און בנוגע לוי' איז בלויז דער חידוש אז אפילו לאחר וואס מ'האט צוגענומען די כהונה פון משה'ן, איז ביי איר געבליבן לוי', קומט דער ענין הלוי' שפעטער (אינו ברור).

(חסר קצת) און כהונה מיינט ניט עבודה, נאר עס מיינט ווי רש"י טייטשט אויף (יתרו יט,ו) "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים - שרים", אז עס איז נאר אן ענין של גדלות, משא"כ עבודה איז דעמאלט געווען בבכורים.

וואס כאן המקום אויך אויף צו פארענטפערן דאס וואס מ'האט ביי מיר געפרעגט וועגן וואס מ'האט גערעדט אין דעם פריערדיקן פארברענגען בנוגע צו ראובן. וואס מ'האט דעמאלט גערעדט אז לויט רש"י, האט מען ניט אוועקגענומען די בכורה פון ראובן, בלויז דעם ענין פון כהונה ומלכות, האט מען גע-פרעגט אז רש"י אליין זאגט אין וישלח (לה,כג) אויף "ויהיו בני יעקב שנים עשר וגו' בכור יעקב ראובן", אז ראובן איז געבליבן "בכור לנחלה בכור לעבודה", איז ווי זאגט רש"י אין ויחי אז כהונה האט מען אוועקגענומען פון ראובן'ען?

נאר דער ביאור אין דעם וועט זיין מובן לויט ווי מ'האט דעמאלט גערעדט דעם חילוק צווישן כהונה און בכורה:

דער ענין פון מלכות איז שייכות צו א צווייטן, ווי דער לשון אין מלך בלא עם, האט מען דאס טאקע פון ראובן'ען אוועקגענומען, אויך איז כהונה שייכות צו א צווייטן, וואדום ענינו איז ווי רש"י זאגט נשיאות כפים - וישא את ידו ויברכם, דארף דאך זיין א צווייטער וועמען מ'בענטשט; ועד"ז דאס וואס ענינו איז גדלות, דארף דאך זיין א צווייטער פון וועמען מ'איז העכער; משא"כ בכורה איז פארבונדן מיט זיך אליין, און דאס האט ניט צו טאן מיט א צווייטן, דאס איז געבליבן ביי ראובן.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע עבודה, וואס דאס איז ניט פארבונדן מיט א צווייטן, און ווי מ'געפינט אז דאס איז געווען ביי נח (ח,כ) "ויבן נח מזבח", און ס'איז געווען "וירח ה'", און אזוי איז אויך געווען ביי אברהם (לך יב,ח) "ויבן שם מזבח", און אזוי אויך יעקב (וישלח לה,ז); וואס פון דעם זעט מען אז דאס איז אן ענין וואס איז ניט פארבונדן מיט א צווייטן, איז עבודה טאקע געבליבן ביי ראובן, און מ'האט דאס ניט אוועקגענומען, בלויז כהונה וואס איז פארבונדן מיט אנדערע, האט מען צוגענומען פון ראובן'ען.
(חסר קצת).

דאס וואס רש"י זאגט אז די טובה דא איז באשטאנען אין כהונה ולוי' ומלכות, און ניט אין דעם וואס "משה קבל תורה", איז דאס ווייל דא שטייט דער לשון "בתים", וכנ"ל איז דער פי' פון "בית" זיין הויזגעזינד און משפחה, קען בבילא דער

פסוק

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

פסוק ניט מיינען אן עניין וואס איז פארבונדן נאר מיט משה׳ן אליין, נאר דאס מוז מיינען א זאך וואס גייט אריבער צו דער גאנצער משפחה, און דאס וואס משה האט געגעבן אידן די תורה, איז ניט פארבונדן מיט זיין גאנצע משפחה, און אזוי אויך דאס וואס ער האט זיי ארויסגענומען פון מצרים, איז ניט נוגע צו דער גאנצער משפחה; דערפאר קען רש"י ניט זאגן אז דאס מיינט דאס וואס משה קבל תורה, ווארום דאס ליגט ניט אין ווארט "בחים".

די שאלה איז אבער; ווי מ׳האט פריער געערעט, אויפן פסוק גופא: פארוואס זאגט ניט דער פסוק אז דער שכר איז געווען אין דעם וואס ער האט געגעבן תורה?

נאך דער ביאור אין דעם איז: ס׳איז מובן בפשטות אז דא איז געווען דער שכר באופן מדה כנגד מדה,

[וואס אין פשטות הכתובים געפינט מען אויך דעם ענין פון מדה כנגד מדה - ווי עס שטייט ווייטער (ד, כב-כג) אז דער אויבערשטער האט געזאגט משה׳ן אז ער זאל זאגן פרעה אז וויבאלד בני בכורי ישראל, איז אויב ער וועט ניט ארויסלאזן אידן "הנה אנכי הרג את בנך בכרך". ולכאורה, וואס איז די שייכות - נאר וויבאלד אז בני בכורי ישראל, איז אויב מ׳טשעפעט דעם בכור, איז דער עונש אז אנכי הורג את בנך בכורך, און אזוי אויך דאס וואס משה האט געזאגט (וארא ז,כח) בביתך, און דערנאך ובביה עבדיך, זאגט רש"י אז דאס איז ווייל הוא התחיל בעצה תחלה, איז דערפאר האט מען אנגעהויבן מיט אים; זעט מען דעם ענין פון מדה כנגד מדה],

אז וויבאלד ס׳איז געווען ותחיין את הילדים, אנשטאט כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, וואס דאס האט געבראכט דעם וירב העם ויעצמו מאד, איז דערפאר דער שכר אויף דעם געווען אז זיי וועלן האבן בתי כהונה ולוי׳ ומלכות, וואס וועלן אויך זיין פאר אלע זייערע קינדער - סיי כהונה איז פאר אלע קינדער, סיי לוי׳ איז פארבונדן מיט אלע קינדער, און אויך מלכות איז פארבונדן מיט די קינדער, כמ"ש (שופטים יז,כ) למען יאריך ימים על ממלכתו הוא ובניו.

משא"כ דאס וואס משה האט געגעבן אידן די תורה, איז ניט פארבונדן און גייט ניט איבער צו זיינע קינדער, ווארום משה אליין האט געלערנט תורה מיט אלע אידן גלייך, ווי רש"י זאגט אין כי תשא (לד,לב); און אויך דאס וואס ער האט ארויס-גענומען אידן פון מצרים איז ניט פארבונדן מיט קינדער; וואס דערפאר איז דער שכר וואס זיי האבן באקומען אויף דעם וואס זיי האבן געראטעוועט אידישע קינדער, איז דאס אזא ענין וואס גייט אריבער צו אלע קינדער און קינד-קינדער; וואס דאס איז בתי כהונה ולוי׳ ומלכות.

עפ"ז זיינען פארשטאנדיק אלע דיוקים, און עס איז בלויז איבערגעבליבן די אנדערע דיוקים אין פירוש רש"י, וכפי שיתבאר לקמן.

ו.



הנחת הת׳ בלתי מוגה

צווישן נפש וגוף שבשארי הנבראים (כמבואר בארוכה בתו"א ד"ה להבין הטעם (ג,ד ואילך). וואס דערפאר איז דער עיקר הענין פון כח המפליא לעשות מקשר רוחניות בגשמיות (דאה רמ"א שו"ע או"ח ס"ו ס"א) איז אין דעם חיבור פון נשמת וגוף האדם דוקא (ד"ה אחרי מות תרמ"ט בתחלתו)]

מוז מען האבן א כח נעלה ביותר צו מחבר זיין זיי. און דאס איז דער ענין פון ויפה – מהוכיותו ופנימיותו (ראה סה"מ תקס"ב שם ע' קלא. ובארוכה – ד"ה ויגש תרס"ח (בהמשך תרס"ו) וכל העם תש"ו בסופו).

וואס פון דעם איז פארשטאנדיק, אז בשעת דער "רוח פיו" שטייט שוין אין דער דרגא וואס ער האלט ביי נופח זיין "לירד למטה ולהתלבש בגוף האדם", דאן דוקא, ווערט אין אים נתגלה דער כח עצמי (וואס קען מחבר זיין נשמה וגוף), וואס איז ניטא אין אים פריער, איידער ער איז נופח כו'.

אמאל רעדט זיך (ראה ד"ה ויגש שם) אז דער עיקר פון דעם כח הנופח ווערט נתגלה אין די נשמה ווי זי איז שוין געקומען למטה בגוף. אבער בשעת זי קומט למטה בגוף, איז דאך דער גוף ונה"ב מעלים ומסתיר כו', בשעה אבער די נשמה געפינט זיך "בטרם שנפחה ברוח פיו ית'" (אבער אין דעם מצב און תנועה וואס ער האלט שוין ביי נופח זיין), דאן זיינען דא ביידע מעלות: דא איז דא דער כח עצמי, און דער כח עצמי איז בגילוי (היות אז דא זיינען נאך ניטא דער גוף ונה"ב המעלימים ומסתירים).

און דערפאר איז מדגיש דער אלטער רבי אז דער "לדבקה בו ית' ביחוד נפלא" (שע"י התשובה) איז "כמו שהיתה מיוחדת .. בטרם שנפחה כו'" – ווייל דוקא אין דער דרגא איז דא דער גילוי פון דעם כח עצמי, וואס פועל'ט אויף לנקות כל הפגמים, כנ"ל.

(ע"כ הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א)

און דאס וואס דער אלטער רבי זאגט "לעלות למעלה מעלה" נאך "לשוב עד הוי' ב"ה ממש", איז דאס ווייל דער ערשטער ענין פון תשובה איז "לשוב עד ה' ב"ה ממש", וואס דאס איז די ערשטע נקודה און אין די ערשטע רגע, און דאס איז דער העכסטער ענין – תשובה דארף דאך אבער מתקן זיין און אויפטאן אין אלע דרגות, דערפאר לייגט צו דער אלטער רבי "לעלות למעלה מעלה" (איננו ברור). (ראה שיחת ש"פ וארא לביאור ענין זה).

בנוגע דער רש"י: דאס וואס רש"י ברענגט אראפ פון פסוק אויך די ווערטער "ויעש להם", איז דאס ווייל רש"י וויל ברענגען נאך א ראי' אז דא מיינט עס ניט "בתים" כפשוטו, (נוסף אויף די פשוט'ע ראי' – אז דאס איז קיין חידוש ניט); פון פסוק אליין זעט מען אז עס מיינט ניט בתים כפשוטו, ווארום עס שטייט דער לשון "ויעש", און אויך א בית דארף שטיין דער לשון "ויבן", אזוי ווי עס שטייט (א,יא) "ויבן ערי מסכנות לפרעה את פתום ואת רעמסס", וואס דערפון איז מוכרח זאגן אז דא מיינט מען בתי כהונה ולוי' ומלכות.

דאס

הנחת הת' בלתי מוגה

דאס וואס רש"י איז מוסיף "כדאי' במס' סוטה", איז דאס ווייל אז דער בן חמש למקרא וועט קוקן אין רש"י'ס מקור - וואו עס ברענגט זיך דער פסוק, וועט ער עס געפינען אין ספרי, וועט ער אבער זען אז אין ספרי שטייט ניט "לוי'", דארטן זאגט ער נאר כהונה ומלכות, דארף רש"י זאגן אז אין סוטה שטייען אלע דריי, אויך לוי'.

פארוואס שטייט טאקע ניט אין ספרי לוי'? איז דאס פארשטאנדיק לויט דעם וואס רש"י זאגט שפעטער, אז בשעת משה האט געזאגט שלח נא ביד תשלח, און ס'איז געווען ויחר אף ה', האט דאס געמאכט א רושם, און צוליב דעם האט מען אוועקגענומען די כהונה פון משה'ן, און מ'האט דאס געגעבן אהרן'ען, און בנוגע די לוי', וואס דאס האט באלאנגט צו אהרן, "ואהרן אחיך הלוי", איז "בניו (פון משה) יקראו על שבט הלוי" - דאס האט מען אוועקגעגעבן צו בני משה, צו די קינדער פון משה,

דעריבער ווייל דער ספרי נימ לערנען אז אויך לוי' איז בכלל דעם שכר פון יוכבד, ווארום דאס איז דאך געווען ביי די בני משה, און ס'איז בעסער לערנען אז איר שכר איז געווען בנוגע אן עניין וואס איר קינד האט געהאט, און ניט א זאך וואס איז ערשט געווארן ביי אירע קינדס-קינדער.

(און בפשטות לייגט זיך אז משה אליין איז ניט געווען קיין לוי, ווארום דעמאלט וועט אויסקומען אז משה איז געווען א כהן בלויז ביז מ'האט דאס געגעבן אהרן'ען, א קורצע ווײַלע, און עס לייגט זיך ניט זאגן אז דאס וואס יוכבד האט זוכה געווען צו כהונה איז געווען נאר אויף א קורצע ווײַלע, מוז מען דאך זאגן אז משה איז געבליבן א כהן די גאנצע צייט, איז במילא געווען לוי' בלויז ביי די בני משה - אינו ברור).

אעפ"י אז בנוגע מלכות פון מרים איז סיי ווי מוכרח צו זאגן אז עס גייט אויף קינדס-קינדער, ווארום מלכות איז געקומען פון מרים ערשט כמה דורות שפעטער, אבער דארטן וואו מ'איז ניט מוכרח אזוי זאגן - ביי יוכבד - ווייל דאס דער ספרי ניט זאגן; דערפאר זאגט ניט דער ספרי "לוי'",

משא"כ רש"י לערנט אז אעפ"י לוי' האט מען געגעבן בלויז צו בני משה, אעפ"כ קען דאס אויך אריינגיין אין דעם שכר פון ויעש להם בתים,

וכל הנ"ל איז פארבונדן מיט די צוויי שיטות אין זבחים (קב,א) (ווי מ'האט אמאל (י"ב תמוז תשכ"ט) גערעדט), צי משה איז געווען א כהן ובניו לויים, אדער ער אליין איז געווען א כהן בלויז די שבעת ימי המילואים (און ווי מ'האט דאס דאן גערעדט בנוגע פירוש רש"י),

(לשלימות ביאור פירש"י זו - ראה שיחת ש"פ וארא)

אין פירש"י איז דאך אויך פאראן יינה של תורה: די הוראה לכל אחד ואחד איז, אז אעפ"י דאס וואס מ'לערנט ניט אז דער

הנחת הת' בלתי מוגה

בנוגע דער רש"י אין פ׳ שמות: דא איז פאראן נאך א דיוק, פארוואס רש"י זאגט "בתי כהונה לוי׳ ומלכות", דלכאורה, איז רש"י דא מפרש אז "בתים" מיינט ניט קיין בית כפשוטו, נאר דאס מיינט דעם ענין פון כהונה לוי׳ ומלכות, איז פארוואס זאגט רש"י "בתי כהונה וכו׳" - און ניס נאר איז דאס איבעריק; נאר דאס איז מבלבל (וואס דערפאר האט מען געזאגט אז רש"י קען ניט מיינען דעם ווארט "ויבן" ווי עס שטייט אין רש"י, ווארום "ויבן" מיינט א בית כפשוטו).

אויך האט מען זיך געשטעלט אויף דעם וואס רש"י איז מעתיק פון פסוק די ווערטער "ויעש להם", ולכאורה איז ער נאר מפרש דעם ווארט "בתים", איז פארוואס דארף ער אראפברענגען די ווערטער "ויעש להם"?

און מ׳האט מבאר געווען, אז רש"י וויל דא זאגן דעם הכרח פארוואס מען קען ניט לערנען "בית" כפשוטו [נוסף אויף דעם וואס מאי קא משמע לן אז זיי האבן געהאט "בתים"], ווארום ס׳איז ניט פארשטאנדיק וואס עס שטייט דער לשון "ויעש" - אויב דאס וואלט געמיינט בתים, וואלט געדארפט שטיין "ויבן", אזוי ווי אין דעם פסוק פון וואנעט רש"י ברענגט די ראי׳ שטייט "ויבן", דערפאר איז מוכרח אז דער פירוש איז "כהונה לוי׳ ומלכות".

וואס איז דער פירוש פון ויעש? מאכן א נייעם ענין מתחילתו, וואס איז פריער ניט געווען; ע"ד ווי עס שטייט (לך יב,ה) "ואת הנפש אשר עשו בחרן", און רש"י טייטשט אז דאס מיינט די וואס "הכניסן תחת כנפי השכינה, אברהם מגייר את האנשים ושרה מגיירת את הנשים", וואס זיי האבן געמאכט א נייע מציאות; טאקע ניט "כקטן שנולד דמי", אבער דאס איז א נייע מציאות וואס איז פריער ניט געווען, מענטשן וואס ביי זיי איז געווען גירות.

עד"ז וויל רש"י זאגן איז דא, אז בזכות דעם וואס "ותחיין את הילדים" איז ביי זיי געווען "ויעש להם בתים", אז מ׳האט פאר זיי געמאכט א נייע מציאות פון מענטשן, א נייעם ענין מתחילתו, אז מ׳האט פון זיי אויפגעשטעלט "בתי כהונה וכו׳", וואס דאס מיינט א הויזגעזינד [ווי דער פירוש פון "איש וביתו באו", וואס דאס מיינט ניט אז מ׳האט מיטגענומען די הייזער, ועד"ז וואס עס שטייט "בית פרעה"; נאר דאס מיינט די הויזגעזינד] פון כהונה לוי׳ און מלכות.

דערפאר קען רש"י ניט לערנען אז דאס גייט אויף אהרן, ווארום אהרן איז שוין געבארן געווארן, איז דאס ניט קיין ענין פון ויעש, וואס מיינט א נייעם ענין מתחילתו, משא"כ דאס וואס ביי ראובן האט מען אוועקגענומען די כהונה ומלכות און מ׳האט דאס געגעבן יהודה און לוי, איז קיין קשיא ניט, ווייל דארט שטייט ניט "ויעש", קען זיין אז מ׳האט דאס אים געגעבן אפילו לאחר שנולד, משא"כ דא וואו עס שטייט "ויעש", וואס מיינט א נייעם ענין; קען רש"י ניט לערנען אז דאס מיינט אהרן, ווארום ער איז

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ער איז שוין געבארן געווארן; דערפאר מוז מען לערנען אז כהונה בייט אויף משה'ן, ווי דער קינד וועט ווייטער לערנען, אז משה האט געדארפט ווערן א כהן.

און דאס וואס רש"י לערנט ניט אז דער שכר איז געווען וואס משה האט געגעבן אידן די תורה, איז דאס ווייל דאס איז ניט דער ענין פון "בית", ווארום א בית ווייזט דאך אויף אן ענין וואס גייט אריבער בירושה צו קינדער, משא"כ דאס וואס משה האט געגעבן אידן די תורה, איז דאס ניט אריבער צו זיינע קינדער, ובמילא איז דאס ניט קיין מדה כנגד מדה צו די מילדות, פאר דעם וואס זיי האבן געראטעוועט קינדער, און זייער שכר דארף זיין אן ענין וואס גייט אריבער צו קינדער.

מ'קען ניט זאגן אז דער טעם פארוואס רש"י זאגט ניט דעם ענין פון מ"ת איז ווייל ס'איז ניטא קיין פסוק וואס זאגט אז בתים מיינט תורה, ווארום דעמאלט איז בלויז וואס די קשיא גייט אריבער פון רש"י אויפן פסוק; מוז מען דאך זאגן אז דאס איז צוליב דעם ענין פון מדה כנגד מדה, ווי מ'האט דעמאלט גערעדט.

בנוגע וואס מ'האט דעמאלט גערעדט איז דא א צווייטע קלאץ קשיא (וכמובן האט זיך קיינער ניט געשטעלט אויף דעם): דער ענין אז משה האט געדארפט זיין א כהן, איז דאס א צווייטער פירוש אין רש"י, ווארום דארטן (שמות ד,יד) אין רש"י זיינען דא צוויי פירושים צי דער חרון אף האט געמאכט א רושם, און דער צווייטער פירוש האלט אז דאס האט יע געמאכט א רושם, אז פריער האט משה געדארפט זיין דער כהן און אהרן דער לוי, האט מען אוועקגענומען די כהונה פון משה'ן און געגעבן אהרן'ען; אבער דער ערשטער פירוש איז: "רבי יהושע בן קרחה אומר כו' וזה לא נאמר בו רושם", קומט דאך אויס לויט דעם פירוש אז פון משה'ן האבן אלע מאל געדארפט ארויסקומען לויים, און פון אהרן האבן געדארפט ארויסקומען די כהנים, איז לכאורה ניט שייך דער שכר פון "בתי כהונה"?

מ'קען ניט פארענטפערן, אז לאחרי וואס מ'האט עפעס געפרעגט רבי יהושע בן קרחה'ן האט ער חרטה געהאט, ווארום דאס איז א דרך אין הלכה, אז עס איז דא א קס"ד און א מסקנא, אבער אין דרך הפשט זיינען זיי ביידע פירושים און ס'איז בלויז אז דאס האט געזאגט רבי יהושע בן קרחה.

נאר דא קומט צו א נייער ענין, אז דאס וואס רש"י זאגט "בתי כהונה ולוי'", מיינט ער טאקע ביידע פון משה, ווארום משה אליין איז דאך געווען א כהן, און זיינע קינדער זיינען געווען לויים; און אעפ"י אז לפי"ז איז לגבי ענין הכהונה ניטא דער ענין פון בתים, ווארום דאס איז ניט קיין ענין וואס איז אריבער צו די קינדער, אעפ"כ קען מען זאגן אויף דערויף "בית", א הויזגעזינד, מצד דעם וואס לוי' איז אריבער צו די קינדער; משא"כ דער ענין פון מתן תורה איז בכלל ניט אריבער בירושה,

ווארום

הנחת הת' בלתי מוגה

ווארום כהונה ולוי׳ האבן א שייכות צווישן זיך, ווארום דער ענין פון לוי׳ קומט דאך ארויס פון ענין הכהונה, ווארום דער ענין פון א לוי איז "ילוו עליך וישרתוך", אז זיי זיינען משמש די כהנים, איז במילא קען זאגן אז דאס וואס משה איז געווען א כהן ווערט אנגערופן "בית";

ובפרט ביי משה רבינו, וואס ער איז געווען א כהן, האבן דאך זיינע קינדער, וואס זיי זיינען געווען לויים, אים משמש געווען בחייו, איז דאס אן ענין וואס איז נוגע אויך די קינדער; משא"כ דער ענין פון תורה, גייט בכלל ניט אריבער צו די קינדער, ואדרבא, דאס איז איבערגעגאנגען צו יהושע, און ניט צו די בני משה.

עפי"ז איז אויך מובן פארוואס רש"י זאגט "כהונה ולוי׳ מיוכבד ומלכות ממרים", ולכאורה האט ער געקענט זאגן אז אלע דריי זיינען פון יוכבד, ווארום מרים אליין קומט דאך אויך פון יוכבד? נאר פונקט ווי מ׳קען ניט לערנען אז כהונה גייט אויף אהרן, מצד דעם וואס ער איז שוין געבארן געווארן, אזוי קען מען ניט לערנען אז מלכות קומט פון יוכבד, ווארום מרים איז שוין געבארן געווארן, קען מען ניט זאגן אויף דערויף "ויעש" און מ׳קען ניט זאגן אז דאס גייט אויף משה רבינו, כמ"ש (ברכה לג,ה) "ויהי בישורון מלך", ווארום דאס גייט דאך אויף דעם אויבערשטן, כפירש"י שם. דערפאר דארף מען לערנען אז מלכות קומט ארויס פון מרים, דורך דעם וואס זי האט חתונה געהאט מיט אימעצן פון שבט יהודה, און זי האט אויפגעשטעלט בתי מלכות.

און אויך איז דאס מתאים מיט דעם ענין פון מדה כנגד מדה, ווייל מרים האט זיך געשטעלט אין א באזונדער סכנה, קומט איר א באזונדער שכר; וואס דאס איז נוסף אויף דערויף וואס עס שטייט "ויעש להם בתים" לשון רבים, גייט דאך דאס סיי אויף יוכבד און סיי אויף מרים, איז נוסף אויף דעם, איז דאס מתאים מיט מדה כנגד מדה, אז ווייבאלד זי איז געווען אין א סכנה בפני עצמה, האט זי געהאט א באזונדער שכר.

אין פירש"י איז אויך דא יינה של תורה: איז די הוראה אין דעם, ווי מ׳האט גערעדט בקיצור אין דעם פריערדיקן שבת, אז אעפ"י דאס וואס מ׳האט ניט געגעבן דעם שכר צו יוכבד דאס וואס משה האט געגעבן תורה, איז מצד דעם ענין פון מדה כנגד מדה, זעט מען אבער דערוויילע פון דעם א הוראה:

דלכאורה, אעפ"י דאס איז טאקע ניט קיין מדה כנגד מדה, אבער לאחר וואס יוכבד האט געזען אז איר זון האט געגעבן תורה צו אידן, איז דאס לכאורה דער גרעסטער שכר, טאקע ניט קיין שכר פון מדה כנגד מדה, אבער לכאורה איז דאס דער גרעסטער שכר?

נאר דא זעט מען אז וואס איז דער גרעסטער נחת וואס א מוטער קען האבן, און וואס יעדער איד קען האבן, איז דאס ניט דער ענין פון מפיץ זיין תורה, דאס איז טאקע א גרויסע מעלה אז

אז מען איז מפיץ תורה, אבער דער גרעסטער נחת וואס מען קען האבן פון א קינד איז, אז מ'מאכט פון סתם א איד, ער זאל ווערן א כהן און א לוי;

דער גרעסטער ענין איז, אז מ'האט א קינד וואס גייט ארום צווישן אידן און מאכט פון זיי כהנים ולויים, און ווי מ'האט געערדט פריער, אז מ'גייט אריין אין א בית הקברות און מ'מאכט פון דעם א בית החיים, ביז אז מ'ווערט א בעל הבית אויף די גאנצע וועלט און מ'ווערט ניט נתפעל פאר קיין ענין.

אזוי אויך אין דעם ענין פון בתי מלכות, אז מ'שטייט אין א ביטול שטענדיק, כמארז"ל (ברכות לד,ב) בנוגע א מלך "כיון שכרע שוב אינו זוקף", אז ער שטייט אין דעם ביטול פון "ונחנו מה", דעמאלט ווערן אידן ממלכת כהנים, און זיי זיינען מושל ושולט אויף דער גאנצער וועלט, און ניט נאר אין אן אופן פון מושל, וואס דאס איז בע"כ, נאר עס ווערט "ומלכותו ברצון קבלו עליהם", וואס דאס איז דער חילוק צווישן ממשלה ומלוכה, אז ממשלה איז בע"כ און מלוכה איז ברצון,

ביז דאס פועל'ט אויף אלע ענינים, און עס ווערט "בא אל פרעה", אז מ'ברעכט קליפת פרעה, ווי ער זאגט אין זהר, און ווי מ'האט דאס אויך אנגעצייכנט אין דעם בריף, וואס דעמאלט גייען אידן ארויס פון גלות,

און דאס אלץ איז תלוי במעשינו ועבודתינו משך זמן הגלות, אז דורך דעם וואס מ'גייט ארום צווישן אידן און מען מאכט פון זיי "בתי כהונה לוי' ומלכות", דורך דעם גייען אידן ארויס פון גלות ע"י מלכא משיחא, בקרוב ממש.

*********************************